NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13046

# ZANG-GEZANG

Peretz Markish

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שול-ביבליאטעק
№ 30

פרץ מארקיש

# זאַנג-געזאַנג

פארלאג „קולטור-ליגע“ ווארשע.

שול-ביבליאטעק
№ 30

פרץ מארקיש

# זאנג-געזאנג



פארלאג „קולטור-ליגע" ווארשע.

געדרוקט אין 1200 עקז.
װאַרשע, 1923.

P. MARKISZ—Zang-Gezang
Wyd. KULTUR-LIGE

Druk. „DI WELT"

# אַ גערעטעניש

אין גאָלדענע רעקעלעך,
אויף דינינקע שטאַנגעלעך
הוידען זיך זאַנגעלעך —
מיט פולינקע בעקעלעך.

שושקען זיך בּרעקעלעך
מיט גרינינקע ווינטעלעך, —
גאַנצע געזינטעלעך
גאָלדענע גלעקעלעך.

גאָלדענע ריינדעלעך
בּרידערלעך, שוועסטערלעך,
קלעפּן זיך — פלעסטערלעך,
ליבּן זיך כּריינדעלעך.

זינגען געזאַנגעלעך
גאָלדענע וועלעכלעך,
גאָלדענע קולעכלעך,
גאָלדענע זאַנגעלעך.

זינגענדיק, טאַנצנדיק
אויף די געלעגערן
זייגט זיי אַ גאַנצן טאָג —
זונעלע זייגערן.

גאָלדענע ריטעלעך
שענקען זיי קייטעלעך,
טאָגעלע - קליידעלעך,
זונעלע - היטעלעך.

כמאַרעלעך - רעגנדלעך,
נעכטעלעך - טויעלעך,
ערדעלע - שטרויעלעך,
ווינטעלע — ניגונדלעך.

כאָוועך זיך זאַנגעלעך,
פּאַשען זיך שטילינקע,
ווערן זיי פולינקע
שווערינקע באַנקעלעך.

אַ גאָלדענע רעטעניש!
שפּילט מען אויף הערנדלעך
זינגען זיך קערנדלעך
שטיל - אַ געדעטעניש...

# קאַרשן

גרינע גאָרטנס – אָפּגעשיטע,
ליגט דיבלאָטע טרוקן, דאַר ש[illegible]ן,
און, ווי פּייערלעך צעגליטע,
רופן, רייצן זיך די קאַרשן...

קום, איך וועל דיך אונטערשטופּן,
גאָרנישט הויך איז צו דערלאַנגען,
וואָס מיר טשוועקעס, וואָס מיר קניפּן,
בעסער וועלן זיי אונז איינגיין.

נו, געקלעטערט, נו, געריסן,
שפּעטער וועלן מיר זיי ציילן;
וויפל ס'איז נישט, – מיטן ביסן
וועלן מיר זיך גלייך צעטיילן.

# אין פעלד

I

און האָט דאָס פעלד
געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט,
אַ גרויסע פרייד;
פון אומעטום
מע גייט,
מע לויפט, מע רייסט זיך אויפן גרויסן מאָלצייט
פונם פעלד.

עס ציען זיך פאַרטאָגן יונגע
בלייך־באַקנדיקע,
דערשראָקן, שעמעוודיקע,
נאַקעטע און גרינגע,
איבער צעוואָרפן־ברייטן בלאָען הימל־סטעפּ...
און לויפן ווינטלעך אום
מיט עפעס שטאַרק פאַרנומען,
און יעדער גרעזעלע,
און יעדער בלום,
שטיל רייסן אויס אַ פּערעלע
פון אונטער ברעמען

און האלטן עס אויף הערצעלעך
פארגרייט
אויף אָפּגעבן דעם זומער עס מיט פרייד...

און אַז עס קומט צו גיין די זון,
שנירן די גרעזעלעך מיט בלומען אויס
אַ גרויסן שנור
פון פערעלעך, פון דימענטלעך,
פון אַלץ,
וואָס האָבן שטיל אין האַרץ געקליבן פרייד,
און טוען שטיל אים אָן
מיט פרייד
דעם יונגן זומער אויפן האַלז.

II

דאָרטן אין פעלד
ביי אַ פאַרגרייטן טיש
מיט האָניק־בלעטעלעך,
מיט קריגלעך ווייַן
שפּילן זיך באַבעלעך אויף שנירלעך שיין
איינס אויפן אַנדערן אַ שפּרונג
און איינס דעם אַנדערן אַ קוש.

זינגען דאָרט ריזן־ביימער זמירות,
אין קליידער נייע אַלע שיין געקליידט,
און ביי די וועגן ערגעץ
ביימלעך קרומע
שטייען אויך,
גלייך ווי אין גלעקלעך גרינע
און בעבטשען אויך אונטער דער נאָז
אַ ניגונדל דעם יונגן זומער.

און כלי־זמר אומעטום:
כלי־זמר גאָלדענע
אויף סטרונעס ברענענדיקע,
אָנגעצויגן ביי דער זון
אין הימל־הויך, —
בינען
גאָלדענע לויפן אַרום
און זינגען, לויפנדיק,
דעם זומער אַ באַגינען...

אַ כמאַרע פויקט —
אויף טויזנט פּויקן
און שיכּור פון די פיס
פאַלט קייקלדיק זיך שוין אַראָפּ

## אַ דונער.

דער הימל אָנגעטאָן אין שטערן־באַנד —
אין רעגן־בויגן,
און בייגט צו יעדן אָן
דעם בלויען פרישן קאָפּ...
דער זומער ריכט זיין יוגנט אָפּ...

דער זומער פרייט זיך,
דער זומער לאַכט און קוועלט
צעעפנט האָט ער, לאַכנדיק,
אַ גרויסן אוצר...
דער זומער פרייט זיך מיט זיין יוגנט
און פרייט זיך מיט אים מיט די גאַנצע וועלט.

ער גייט אַרום
אַ יונגער גאָלדשמיד
מיט קרעלעכלעך באַקרעלט,
אין גאָלד די הענט,
זיין גליקלעך פּנים — ברענט
און טיילט מתנות,
טיילט דער גאַנצער וועלט...

—

אָט גיסט ער זילבער אָן אַ קוואַל,
אָט גילדט ער אָפּ אַ טייך,

אַט באַהאַלט ער דאָרט אַ הימל מיט אַ זון
און טײלט די גרעזלעך
נאָך אַ שטראַל – אַ שטראַל.
אַט טוט ער אָן דעם װאַלד
אַ קרוין,
צעשענקט, צעגיט זײַן גאַנץ פאַרמאָג,
דעם הײסן אָטעם פון זײַן האַרץ,
זײַן טאָג
און זיך אַלײן,
און עפנט נײַע אוצרות אויף,
צעפלאַנטערט נײַע שנירלעך גאָלד.

פאַרקײַקלט אין דער הײך אַ רײַף
אַ גאָלדענע
און מאָלט
אַ שטערן־באַנד דעם הימל אויס...

לויפן װינטלעך אום
און בלײַבן שטײן,
און װײסט שוין נישט דער טײַך פאַר פרײד,
װאו זאָל ער גײן...

פאַרדרײט, פאַרשיכּורט
איז דער גאָרער װעלט דער קאָפּ —
דער זומער ריכט זײַן יוגנט אָפּ.

# אין סטעפּ

פריש און צעלאָזט איז דער סטעפּ נאָך אַ רעגן,
באַוואַקסן, אַ גאָלדענער, ליגט ער צעלייגט;
ווייט אין דער וועלט אַריין פיס אויסגעצויגן
און גאָלדענע שיין פּנים אויסגאַנג ער זייגט...

טשערעדעס בהמות, צעזייט און צעוואָרפן,
בלאָנדזשען אויף אים מיט געפּענטעטע פערד,
אים חלומט זיך שיקסעס פון נאָענטע דערפער,
וואָס הייבן אַ שטויב-ווינט פון אונטער דער ערד.

אַ יונגע פּאַסטושקע פאַרברענט און פאַרבראָנזעט
פייפט מיט די פינגער, נאָך נאַקעט און קליין;
ביי איר האָט אַ שעפעלע נאָר וואָס פאַרבלאָנדזעט,
זי זאָרגט נישט, זי זאָגט, עס וועט קומען אַליין...

אַ דריי מיטן קעפּל, פאַררייסט זי אַ לידל,
אַ סווישטש מיט דער בייטש און אַ טאָפּ מיטן פיס,
און קלייבן חברים פון סטעפּ זיך אַ רעדל
און טראָגט איר פון ווייטן דער אָפּקלאַנג אַ גרוס.

און זינגענדיג נעמט זי צונויף איר פאַרמאָגן:
די טאָרבע אויף פּלייצעס, די בייטש אין די הענט,
און לאָזן זיך שפּעלעך לויפן און יאָגן,
זיי האָבן איר ניגון פון ווייטן דערקענט.

און נאַקעט דער סטעפּ בלייבט און גרעסער, און ברייטער,
שטום, ווי אַ נהרג, געהיים און פאַרטראַכט!
מיט טרויעריגע אויגן די טאָג-לייט באַגלייט ער
די שטילקייט קומט אָן און ס'לייגט זיך די נאַכט...

נאָר פון ווייט, פון די בערג, פון די טאָלן און גריבער
דערטראָגט זיך אַ סקריפּ פון אַ טרוקענער פור,
דאָרט פאָרט אַ ציגיינער פון איין אָרט אַריבער...
דער סטעפּ ווערט דערמינטערט און גיט זיך אַ ריר...

# פרימאָרגן

שטיי איך אויף צום אַלעמערשטן
און איך גיב דעם טאָג אַ מונטער
מיט אַ פייף, ווי פון אַ קוימען,
און פאַרגעה זיך אָן אַ סוף;
איבער מיילן, איבער ווערסטן
כאַפּן קוימענעס מיך אונטער,
האָנען גיבן מיך אַ זוים אָן,
אַלע הייבן זיך פון שלאָף.

הימל — העל, און ווייטן — געלבלעך —
קריכט די שיין מיר אין די אויגן,
רייסט זיך פרישקייט מיר אין האַרצן
און עס טראָגט מיך ערגיץ אום:
האַוועקן הינט און מעקען קעלבלעך,
זונען ברענענדיג נאָך טוי גיין,
גיב איך אויגן שטיל אַ מאַך צו
נ'האַווקע אויך, און מעקע שטום...

בעם איך אָן אַ האַרץ פריהמאָרגן
און אַ הימל העל איך שלינג איין,
און די גאַנצע ערד איך שמעק אויס,
און אין טאָג איך לאָז זיך גיין;
פון דער גאַנצער וועלט מיר נאָכגיין
לאָזט מען זיך מיט פרייד, מיט זינגען,
און פון ווייט אויף ווייטע שטרעקעס
גייט מיר נאָך דער טאָג אליין...

# א ו י פ ן פ ע ר ד

הײדא, פערד, אין אַלע זײטן,
װאו די װעגן זענען פרײ,
װעלכע לאָזן מיך נישט רײטן —
בּרעך זײ לױפנדיק פאַרבּײ!

נאָכן טעלערל פון הימל,
צו די װאָלקנס אין דער הײך,
טומל, טומל, טומל, טומל!
נאָ דיר בּײטש און נאָ דיר כּח!

צו די פעלדער, צו די װעלדער,
אַלע װעגן — אײן און אױס;
קוק מיך פערד אָן, איך געפעל דיר?
זײ אַזױ װי איך בּין גרױס!

הײדאַ, הײדא, פאַטלע װײסע,
פּתח אלף? גראָבּער קאָפּ?!.
נו, דערצײלן דיר אַ מעשה?
לױף זשע גיכער אױף און אָפּ...

איז אמאָל אַ מענש געווען דא,
איז אמאָל געווען אַ פערד;
לויף זשע, פערדל, ענדא=פענדא!
כ'נעם אַרויס אויף דיר מיין שווערד...

איינעלע, צווייעלע, דרייעלע... זע נאָר,
גיב, גענארניק, אונטער הייך!
גיין איז באבע קלייבן שפענער...
פערדל, פערדל, קאָפּ צי שפּיץ?..
— — — — — — — — — —

אין דער וועלט פון אַלע עקן
שנייען, קעלטן, מדבר, גלות,
האָסט זיך גאָר נישט, וואָס צו שרעקן,
ביז דיין רוקן פילט מיין בלוט!..

# פון וואָליז

1

אויסגעריבן זענען וועגן,
פון איין שטעטל צו דעם צווייטן
גייען פערד שוין אָן די לייצעס
און זיי ווייסן, וואו זיי גיין.
קומען פורלעך אָן אנטקעגן,
פאַרט שוין איינס אויפן פאַרזייטן,
ווייסן פערדלעך, אז דאָ ווייך איז,
בלייבן זיי אינמיטן שטיין:

פערדלעך גייען, פערדלעך דרעמלען,
דרעמלט אויך דער בעל=עגלה,
א פאַרשווינדל הייבט אָן שאַרן
אים אין אויער מיט אשטרוי;
גוטע, בלויע, טיפע הימלען,
ברייטע וועגן, סטעזשקעס שמאָלע, —
דרעמלסט דאָרטן, משה אהרן?
ניין, חלילה, סתם אזוי!...

זינגט זיך עפּעס אויף די וועגן
אַ געזאַנג פון גאָרנישט וועלן,
גאָרנישט דאַרפן, גאָרנישט האָבן,
נאָר דאָס פּורל זאָל זיך גיין;
זאָל אַ פּורל גיין אַנטקעגן
און עס זאָל זיך גאָרנישט שטעלן,
און די רעדער זאָלן גראָבן,
וואָס זיי ווילן נאָר אַליין...

וואָס זיי ווילן נאָר אַליין...
זינגען זיך אַליין די וועגן
איינס אין אַנדערן פאַרפלאָכטן,
אויף די שטעטעלעך פאַרוואָרפן,
ווי אַ נעץ פון גראָבע שטריק;
טעג און נעכט און ווידער טעג גייען
אויף די גרויע וועגן דאָרטן,
קומען פּורלעך פונם דאָרף אָן
און זיי גייען זיך צוריק...

דאָרטן פּאָרט זיך שוין אָן ווילן,
ביי די וועגן מ'איז געפאַנגען...
וואַקסן אויף די פעלדער קאָרן?
פּאַשען זיך מיט שקצים פּי?

וואַקסן אויף די וועגן פּיל אָן
פורלעך גרינע פון קאַיאַר אָן,
פּאַשען רעדער זיך אין זאַנגען,
שטעלט זיך נאָר דער אינדערפרי.

און עס בענקט זיך דאָרט נאָך פאָרן
אין די העל־בלויע פרימאָרגנס,
אין די גאָלדענע קאַיאָרן, —
וואו? – דאָס איז שוין גלאַט אַלץ איינס.
גייט אַ זון אין הויכע קלאָרן,
גלוסט דעם האַרצן זיך איר נאָכגיין,
ערגעץ אָנקומען צו פאָרן
און צעצאָלן זיך מיט קליינס...

II

לעבט זיך אָפּ אַ וועלט דער האָרין *)
אַ בן־יחיד ביי דעם געגנט
און פון די וואָלינער טעכער
ער דערזעלטסטער איז, דער בכור;
„איין" און „אויס" האָט ער פאַרלוירן
זייגט פון דר'ערד און זי באַרעגנט,

*) אַ נאָמען פון אַ טייך.

שטענדיק פול, אַ פולער בעכער —
פאַר אַ שטילער ברכה נאָר. . .

פעסטעט ער זיך פאַר די וועלדער,
קוצלט שטילערהייט די ברעגן,
ווערט ער גרויער, ווערט ער בלויער
אָט פון קעלט און אָט פון היץ;
„האָרין, האָרין, וואָס געפעלט דיר,
וואָס פון אונזערע פאַרמעגן, —
רוימען וועלדער אים אין אויער —
נעם דיר, נעם פון אַלדאָס גוטס. . .

גראָזן — פון דיביימער גרינער,
זאַמדן — פון דיין וואַסער ווייכער,
קוסטעס — פונם וואַלד געדיכטער,
שאָטנס — קיל ווי דו אַליין,
שיקסעס באַרוועסע וואָלינער,
פראַטשקעס פראַטשען פון די טעכער
מיט געזאַנג און מיט געלעכטער
הערסטו, האָרין, צו דיר גיין?!"

היטן אים די אַלטע וועלדער,
ווי אַ דוכס ווי אַ יונגן,
איינגעגראָבן אים, אים גרינטלעך

צו פאַרשטעלן פאַר דער זון ;
ציִען זאַנגען זיך פון פעלדער,
מיט די ווינטלעך, מיט די גרינגע.
מיט וואָלינער גרינגע ווינטלעך,
וואָס געשענקט האָט גאָט וואָלין...

קנייטשט זיך האָרין, עפּעס וויל ער.
אים אַ בשורה גייט פון דרום,
ווערט אים שטיל און קאַלט און וואַרעם
און ער לאָזט זיך ערגעץ גיין ;
ווערן ביימער שטילער, שטילער,
מאַכן וועלדער אָן אַ שטורעם,
מאַכן ביימער אָן אַ ליאַרעם —
ווערט דער הימל קלאָר און ריין...

III

קומט פאַרנאַכט אויף שטילע געסלעך,
ווערט אַ פאָראַך פון בהמות,
פון די רעדער, פון די פורן —
שפּאַרט זיך יעדער צו זיין קלייט ;
ווי „מעדאַלן" הענגען שלעסלעך
אויף די צוגעמאַכטע טירן,

פריזבעס, דאַנקען גאָט, פון ליים איז, –
נוצט מען זיי געזונטערהייט.

ערגעץ פאָרט מען פונם היי=שניט
צווישן ביידע זייטן קאָרן
פון דער אַרבעט אָפּגעברענטע
מיט אַ בענקען=זינגעריי;
הייבט אַ שיקסע אָן צום ערשטן,
לאָזט אַ שייגעץ זיך איר פאָרן,
און מע נעמט זיך פאַר די הענט אָן
און מע קוקט אַראָפּ דערביי...

פון דערווייטן הייבט איין דאָרף אָן,
ענטפערט באַלד אים אָפּ אַ צווייטער,
כאַפּט אַ דריטער און אַ פערטער,
גלייך מע האָט זיך אָפּגערעדט; –
אַלע נ'איינעם און צעוואָרפן –
וואַקסן לידער ווי פאַרזייטע,
הערט דער דרויסן אַ פאַרקלערטער,
ביז עס ווערט אינגאַנצן שפּעט.

צינדן אָן די שטיבלעך פייער
אויף דער אויסגעלייגטער פינסטער
גלייך זיי האָבן וואָס פאַרלוירן,

קוקט מען, זוכט מען שטילערהייט;
און פארלאָשן – גאַז איז טייער...
יאָ געפונען, נישט געפונען,
ווערט מען מיד אַזוי אַנטשלאָפן, –
שלאָף־זשע שלאָף געזונטערהייט...

IV

קעלערס – פולע, אָנגעזעטיקט,
פורן אויבס איבער די וועגן,
אויף און אָפּ, פאַר אייגער זיבן:
ס'האָט געראָטן, דאנקען גאָט;
שטייען טעג שוין אויף – פאַרשעטיקט,
כאַפּן זיך שוין פריר אַוועקגיין,
גייען אום אַזוי פאַרבליבן, –
נאָך צוויי וואָכן, אָט־אָט־אָט!...

צווישן אָפּגעגילדטע גראָזן
זוכן קינדערלעך אַ ווייך אָרט,
אויף אַ בערגעלע פון אויבן,
קעגן טרויער־זון אין דר'הייך;
ווינטן בלעטער שטיל צעבלאָזן,
גייען אָרעמע זיי קלויבן, –

מען צערייבט זיי און מען רייכערט
און עס גייט פֿון זיי אַ רויך.

אָפּגעפּרישט קאַיאָר די דעכער,
אָפּגעפּאַלן איז דאָס וואַסער,
שמעקט מיט צוגעכוילטע בלעטער,
מיט געשניטענעם טשאַרעט;
אומעטיק איז שוין די טעכער,
באָדן גייט זיך נאָר דער „קאַסיא״,
נו, ער באָדט זיך דאָך נאָך שפּעטער
ביז די פּרעסט די גרויסע, עט!

שמועסן שמוסט מען, אַז ער, ב׳היט־גאָט,
נישט אין גאַנצן איז ביים זינען,
אַז אין גרעסטן פּראָסט ער קאָן גיין
באָדן זיך אין טייך אַ באָד;
פּראַטשקעס האָבן אים באַגינען
אין אַ ווינטער־טאָג געטראָפן
באָדן זיך אין אַ פּאַלאָנקע,
דאַכט זיך גאָר אין מיטן שבט.

פּרוּווט אַזוי שוין צו פאַרנאַכט־צו
לאָזן זיך אין וועג אַ רעגן,
גלייך אַ מענגע גראָווע קנוילן

אָפּגעוויקלטן שפּאַגאַט.
אָפּגעלאָזט האָט כּמאַרע שוואַרצע,
כּאַפּן דעכער, כּאַפּן ווענט
און צעגעבן און צעטיילן
און צעשענקען יעדן גלאַט.

גיסט אַזוי שוין גאַנצע דריי טאָג
אויף די שמאָלע לאַנגע געסלעך,
אַלע מאָל פֿאַרטרינקט אַ נײַ אָרט
און צעווייקט אַן אַנדער נעסט;
שטעלט מען אונטער דאָרט באַציִטן
אונטער רימוועס ווייקן פּעסלעך, —
ווער ס'האָט גאָר נאָך נישט געזייערט
אויף די לאַנגע גרויסע פּרעסט.

טוט זיך אָן דער גאַנצער געגנט
אין אַ סדרה לויזע בלאָטעס —
אויף צו זינגען און צו זאָגן
זיך פֿון שטוב נישט טאָן קיין ריר;
מיטן זומער זיך געזעגנט,
ריזנעט מען אַזוי אין אָסיען,
ווער זיין אייגנס האָט אַ וואָגן,
ווער זיין אייגנס האָט אַ פֿור.

V

ליגט די געגנט אַזוי קויטיק,
אַט פאַרפרירט און ווידער רעגנט,
ס'וועלן זיך מסתּם אין גיכן
שוין אָוועקשטעלן די פרעסט;
קומט צו גיין אַ ווייסער שניי=טאָג,
ציט ער איבער גאָר דעם געגנט,
ווי מיט קלאָר=ווייס פרישע ציכן,
דאַכט זיך, נאָר=וואָס פון געוועש.

ווערט אַ שליטוועגס אויסגעטריטן, –
איז שוין גאָרנישט וואָס צו פרעגן,
דאַכט זיך, לאָזן נאָר דעם שליטן,
וועט ער פאָרן שוין אַליין;
ליגן אויסגעלייגט די וועגן,
גלייך דעם ווייסן שניי זיי היטן
נ'איבער ווייסן ים, אין מיטן –
שיפלעך גרינגע – שליטנס גיין.

אַלע אויסגעווייסטע הייזלעך,
פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן,
עפּעס פרישער, עפּעס ברייטער
אין דער גרינגער ווייסער קעלט;

שטייען זיך ווי ווייסע מייזלעך
און מע קוקט זיך אין די פענסטער
און צופרידן מיט די קליידער
און מיט גאָטס געבענטשטער וועלט...

גרינג איז דאָס געמיט אזוי שוין,
טירן צוגעמאַכט פון פאָרנט
און אין דרויסן טאַנצט א שטורעם
און די שינדעלעך ער זויפט;
זאַווערוכעס ווילדע רוישן —
פענסטער אלע גוט באַוואָרנט,
גאָר נישט ווייט איז שוין צו פורים, —
ביזט א מבין, ווי סע לויפט?...

ציילט מען זיך אזוי די וואָכן,
וויפל איז נאָך דאָ צו פסח,
מע באַשיידט זיך שטיל חלומות
און מע בלאָזט די טיי אין שאָל;
גאַנצע לאַנגע אויפדערנאַכטן
לעם דער הרובע ביי א שכן
רייבט מען שטיל די ווייסע ליים אויס
און מע כאַפּט א ציגן-וואָלף.

ווער קאָן אויסליגן אַזויפיל,
אַז אַ יאָר איז ביז באַגינען,
שפּילט מען זיך מיט פאַרגעניגן
אויף אַ האַלבן טיש צעשפּרייט;
קינדער לערנען מאַכן „כפּל"
און די אַלטע לייט געווינען
איינס ביים אַנדערן די ציגן,
אויסגעקלעפּט פון שטיקלעך ברויט.



# נ אָ כ ן   ש נ י ט

גיט א שפּרונג אַ הונט אין הויף און סקריפּעט אויף
דער טויער,
פֿאָרט אַריין אַ העסע=בעט מיט קליינינקע צוויי פּערד:
קעפּ געבויגן, גייען לאַנגזאַם, הינטן גייט א פּויער
און קלייבט צונויף די פֿאַלנדיקע זאַנגען פֿון דער ערד.

אינמיטן הויף אַ סטערטשע מיט אַ גראַבליע אויבן שטייט
שוין
און קוקט אַרויס אַ גאָלדענע און בענקט שוין נאָך א
צווייטער,
דער פּויער הייבט דעם שטערן אויף, ציילט אויס א
מנין קנייטשן,
רופט מען אים אין שטאַל אַריין אַ קוק טאָן עפּעס —
גייט ער.

פֿון נעכטנדיקע פֿורן — ער אַ פֿולע שאָפּע ווייץ האָט,
נישט אָפּגעשניטנס איז און פֿעלד — אַריבער נאָך א
פֿור,

פונוויטן פליען שטעקנס הויך, — אין צווייען מען מעלייצעט,
דער פויער קוקט אַ ווייַלע אין דער הויך און לאָזט זיך צו דער טיר.

שפּאַנט ער אויס — און לויפן פערד אַליין אַוועק צום ברונעם,
סמאָקעט ער זיי נאָך אין דר'הויך און פייפט צו זיי און שטעלט,
פענטעט ער זיי, בורטשענדיק, — פאַרשפּרינגען זיי שוין פון אים,
אַ שייגעצל אַ קלייִנס מיט זיי וועט נעכטיקן אין פעלד.

# האַרבסט

## I

אויסגעגאַנגען און פאַרשלעפּערט
איז דער גאָרטן, טויט און שטום,
שטייט אַ שמעטערלינג פאַרגליווערט
אויף אַן אָפּגעבליטער בלום.

נאָר אַ ווינטל רירט די פליגלעך,
גיט די בלימעלעך אַ דריי;
רייסט פון זיי זיך קליינע שטיקלעך,
נאָר דער בלום טוט שוין נישט וויי.

און אַ בין צו איר פאַרבלאָנדזשעט,
דאָרשטיק פון אַ ווייטן וועג,
מיד פאַרברענט, ווי זי פאַרבראָנזעט, —
גיט אַ שמעק און פליט אוועק...

II

צײַטיק אָפּגעגעלט און מעשן
זענען בלעטעלעך אין וואַלד;
לויפט אַ ווינט זיי איצטער דרעשן
מיט אַ שטורעם, מיט אַ גוואַלד.
גאַנצע בערג מיט הויכע סטערטעס
האָט שוין אָפּגעלייגט דער ווינט;
ווען ער האָרט עס און ווער הערט עס,
ס'אַרט זיי שוין אויך נישט אַצינד.

# ווינטער

— איבער נאַכט האָט ווייסער וויכער
אויף די שוואַרצע פענסטער=קעלן
אויסגעקריצט מיט קרייד אויף לוחות
צען געבלומיקטע באַפעלן:

אַלע ווינטן — הויל די העלזער,
ביימער אויסגעפליקט מיט צווייגן;
אונטער שטאָט אויף גיך צעשטעלט זיך
מיט געווער און מיט געצייגן!

אויף דער שטאָט אַ שלאַנג — אַ טייך גייט,
האָט זיין אייגנס טויזנט קעפּ ער,
לוסקעס - בליצן, אויגן - מאַרקן, -
רופט מען אים ביים נאָמען - „דניעפּר".

- אויף זיין בויך מיט נעגל - גלאָזיק,
ווער פון אונטן, ווער אַנטקעגן, —
און מיט נעזלעכער - מיט בלאָז=זעק
אים פאַרשטעלט דאָרט אַלע וועגן! . .

– גליטש זיך, בלעכענער געליאָרעם,
שטאָל און אייזן היינט דיין שפּרוך איז,
–פאַר די הענט זיך הייס געאָרעם –
אַלע, אַלע זאַווערוכעס!..

אָנגעגורט מיט העק און העקלעך
און מיט ציין און מיט אָפּצוועגעס,
– גלעקלט, טריט, אויף פּראָסט, ווי גלעקלעך,
באַלד די גאָרע וועלט שוין ענג איז!

מיט געשמידטע שמידן=האַמערס –
אַלע שמידער זאָלן קומען, –
און מיט האָרנס און מיט קלאַמערס
– צונג אים צושמידן צום גומען!

טויזנט הינטן – אויף זיין האַרצן,
טויזנט הינטן אויף זיין גאָרגל,
סאָפּעט, כראָפּעט, פון זיין האַרצן
אָט דערמינטערט, אָט דערוואָרגן!

—

מתים – לאנג שוין ליגן סטעפעס,
פרייט זיך, שטורעמס, פרייט זיך, ווינטן,–
הייס דעם ווארגנדיקן דניעפּר איז,
עמעץ שלעפּט אים שוין פון אונטן!

טראָג זיך, שטורעם, וויכער, וואנדער,
מכשפות ווייסע זוכן,
– אָטעם אים אין מויל אריין דאָרט
שלאָפגעטראנקען, זאווערוכע!

ציטער, בילמע, – לעצטער שטערן,
– גוטע נאכט אייך – ווייסע וועגן!
נאָך איין האמער, נאָך א שווערן
און ס'באגעגנען זיך די ברעגן!..

# וו י נ ט ן

I

אויסגעגלעט דאָס פעלד מיט שנייען
אַי פון פאָרנט, אַי פון הינטן,
האָבן זיך מיט ווילדן דרייען
אָפּגעלאָזט אין וועג די ווינטן.

אויסגעשנישטערט וואו אַ גראָבן,
וואו אַ לאָך און וואו אַ צווינטער,
און אַ אוצר דאָרט באַגראָבן
פונם קאַלטן ווייסן ווינטער.

דאָ אַ פאָרהאַנג אויפגעהאַנגען,
דאָ אַ לאָדן אָפּגעריסן,
דאָ אין קוימען ווילד אַרייַנגיין
און מיט שנייען אים פאַרשמיסן.

און אַ גאַנצע נאַכט אַזוי האָט
ווינט געדרייט זיך און געגראָבן, —
וואו אַ גריבל — דאָרט פאַרוויִעט,
וואו פאַרווייִעט — דאָרט צעגראָבן.

## II

אויסגעשפּינט די נאַכט מיט וואָל איז,
קריכן שאָטנס שטיל אים קלויבן, —
רייסן ווינטן פאַר די פּאָלעס
און פאַרקאַטשען און פאַרהויבן.

קלאַפּט דער ווינט אין פּנים טשוועקלעך,
מיטן ווילער לויף איך, רויש איך;
פאַלן, פאַלן ערגעץ גלעקלעך,
שלינגט זיי איין דער ווייסער חושך.

כאַפּט זיי ווינט ביינאַכט פון מויל אויס,
טוט ער אויפן האַלז זיי זיך אָן;
און מיט מיידלש־ווייסע קולות
ט ער ווייטער עפּעס זוכן.

## III

גליטשט אַ ווינטעלע אויף אייז זיך, —
ווינטל, ווינטל, שטעל זיך, שטיי, –
וואָס פאַר ביימער, וואָס פאַר הייזער,
וועלכע וואַקסן נישט אין שניי!

גליטשן ליטערע לבנות
אין דער הויך זיך, נאַקעט, הויל, –
קום אַרויס, ווער אָנגעטאָן איז,
און פון שניי מיר טרעף אַ קויל!

קייקלט ווינטל ווייסע רייפן,
כאַפּט זיי שטורעם מיט אַ קוויטש, —
וואָס פאַר פיס און וואָס פאַר לויפן,
וועלכע פאַלן נישט אין גליטש?

פראָסט און קעלט און ווינט אין דרייען,
אַלע אין מיין הארץ — איר ברענט! —
וואָס פאַר ווינטער, וואָס פאַר שנייען,
וואָס פאַרפרירן נישט די הענט?

IV

און באַוואַקסן זיינע שויבן,
און באַזילבערט זיינע גלאָזן; –
ווייסע בלעטער, ווייסע גראָזן
און פון אונטן ביז פון אויבן.

ווייסע שפּינען – שפּינוועבס שיטן,
ווייסע, גרינגינקע פאַרשוינען;

זע' ווי ס'פּאַרט אויף זיי אַ שליטן –
הערסט, זיי סקריפּען, הערסט, זיי וויינען?

אַלע פעלדער זענען פולע,
איינס געבליבן איז נישט ליידיק,
הוליע, ווינטל, אויף זיי, הוליע,
מיטן קאַלטן ווייסן שניי=טאָג.

וואו=זשע רייסטו, ווינטל, שנייען,
אַט די ווייסע פרישע בלומען,
כ'וויל זיך אויך מיט דיר פאַרדרייען
און מיט שניי אויף פעלדער קומען!



# גליטשלקע

שלעפּן שליטנס זיך פון ווייטן
אָנגעפּאַקטע, גראָווע און גרייז;
און מיט שניי פון אַלע זייטן —
היי, וואָס האַקט איר אויס דאָס אייז!

אויף דער גליטשלקע, אינמיטן,
פּונקט אינמיטן איז אַ ריטש...
שלעכטער שליטן, שלעכטער שליטן,
וואָס צענעמסטו אונז דעם גליטש?

חברה, שנייערס, גרויסע שנייערס,
אין די שלעכטע שליטנס שמייס!
וואָס צענעמען זיי, ס'איז זייערס?
היי, וואָס האַקט איר אויס דאָס אייז!

צענטראלער ביכער־לאגער
קולטור־ליגע
ווארשע, לעשנא 52, וו. 3